בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון קע"א

פרשת נצבים וילך
שנת תשפ"ו

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## - אוֹיסְהֶערְן אַ קִינְד -

### דֶער צִיל אִיז אֱמוּנָה

מְחַנְּכִים דַארְפְן זִיךְ כְּסֵדֶר אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער צִיל פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט אִיז, אוּן פַארְוָואס זֵיי קוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּ דִי קִינְדֶער.

יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אַרְבֶּעט אִינֶעם פֶעלְד פוּן חִינּוּךְ, הָאט גֶענוּג אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע עִנְיָנִים מִיט וָואס עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט עוֹסֵק זַיין, אוּן פַארְדִינֶען פִיל מֶער וִוי דָאס גֶעהַאלְט וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן אַ מוֹסָד.

אָפְּגֶערֶעדְט פוּן מְחַנְּכוֹת וָואס קוּמֶען אַרְבֶּעטְן אִין אַ שוּלֶע; זֵיי הָאבְּן זִיכֶער אַסַאךְ זַאכְן וָואס זֵיי וָואלְטְן גֶעקֶענְט טוּן אִינְדֶערְהֵיים דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג אַלְס אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע. מֶען קֶען מְסַדֵּר זַיין דִי וֶועשׁ, אָנְגְרֵייטְן אַ פֵיינֶע וַוארֶעמֶע נַאכְטְמָאל פַארְן מַאן אוּן דִי קִינְדֶער. אִין דִי זוּמֶער טֶעג קֶען מֶען זִיךְ פַּטֶר'ן מִיטְן צוּגְרֵייטְן אַ שְׁטִיקְל פְלֵייש מִיט אַבִּיסְל קַארְטָאפְל, אָבֶּער וִוינְטֶער דַארְף מֶען צוּגְרֵייטְן אַ וַוארֶעמֶע זוּפּ מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְוַוארֶעמֶען דִי בֵּיינֶער. אֲפִילוּ אַ פְרוֹי וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע שְׁטוּבּ-וִוירְטְשַׁאפְט, קֶען זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן אוּן זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אָדֶער שְׁטְרִיקְן אַ קַאפֶּעלֶע פַאר אִיר קִינְד אָדֶער אַ גַארְטְל פַאר אִיר קוּמֶענְדִיגְן בַּר מִצְוָה בָּחוּר.

אוֹיבּ אַזוֹי, וָואס אִיז טַאקֶע דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען הָאט סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעוֶועלְט פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם וִוילְן צוּ קוּמֶען אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער?

דֶער עֶנְטְפֶער פוּן יֶעדְן מְחַנֵּךְ אִיז: מַיין צִיל אִיז צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן רֶעדְן דֶערְפוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### אַלֶע וֶוערְטֶער אוּן נִיגוּנִים גֵייעֶן אַרַיין

אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט נֵייגֶערִיג אוֹיסְצוּהֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט אִין כִּתָּה אוּן זֵיי לַאכְן זִיךְ אוֹיס וְכוּ', דָאךְ טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן רֶעדְן צוּ זֵיי. דֶער הוֹיפְּט צִיל אִיז דָאךְ נִישְׁט פַאר יֶעצְט, נָאר פַאר יָארְן אַרוּם. דִי קִינְדֶער זֶענֶען יֶעצְט נָאךְ יוּנְג, אָבֶּער בַּאלְד וֶועלְן זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן זֵיי וֶועלְן דוּרְכְגֵיין וָואס זֵיי וֶועלְן דוּרְכְגֵיין; זָאלְן זֵיי זִיךְ דֶעמָאלְט קֶענֶען דֶערְמַאנֶען אִין דִי אַלֶע שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי אַלְס קִינְד.

נִישְׁט אַלֶעמָאל זֶענֶען דִי מְחַנְּכִים זוֹכֶה צוּ זֶען דִי פוּלֶע פֵּירוֹת פוּן זֵייעֶר אַרְבֶּעט, וַוייל אַמָאל קוּמֶען דִי רֶעזוּלְטַאטְן פוּנֶעם חִינּוּךְ אַרוֹיס עֶרְשְׁט יָארְן שְׁפֶּעטֶער, וֶוען דִי מְחַנְּכִים זֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט. עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁטָא קַיין בֶּעטֶערִי וָואס גֶעבְּט צוּ פְרִישֶׁע יָארְן צוּם לֶעבְּן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מוּז צוּם סוֹף צוּרִיקְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער עֶס וֶועלְן אִיבֶּערְבְּלַייבְּן דוֹרוֹת וָואס וֶועלְן גֶעדֶענְקֶען וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶועזְן יוּנְג, אוּן דָאס וֶועט זֵיי דֶעמָאלְט הַאלְטְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בַּאקוּם צוּרִיק גְרִיסְן פוּן עֶלְטֶערְן וָואס דֶערְצֵיילְן, אַז וֶוען זֵייעֶרֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט זֵייעֶרֶע שְׁפִּילְצֵייג, הֶערְט מֶען אוּנְטֶער וִוי זֵיי זִינְגֶען זִיךְ אוּנְטֶער נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דֶער נִיגוּן: **"אוֹי טַאטֶע, אוֹי פָּאטֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**, אוּן וֶוען עֶפֶּעס אַרְבֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס בַּיים שְׁפִּילְן, זָאגְן זֵיי: **"גַּם זוּ לְטוֹבָה"**, **"אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**.

מֶען זֶעט דֶערְפוּן, אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי אִין כִּתָּה אָדֶער אָנְגֶעצוּנְדְן אַ סִידִי, הָאט עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען וִוי זֵיי הֶערְן אוֹיס, זֶענֶען אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער אוּן נִיגוּנִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיין אִין זֵיי, אוּן זֵיי זִינְגֶען עֶס אִיבֶּער בַּיים שְׁפִּילְן.

### רֶעדְן אִיבֶּער דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן צְנִיעוּת

מְחַנְּכוֹת דַארְפְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער אִיבֶּער דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת.

אוֹיבּ מֶען זֶעט אַ קִינְד וָואס גֵייט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס קִינְד וִויל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, נָאר זִי אִיז אַ רַחְמָנוּת; עֶפֶּעס שְׁטֶערְט אִיר אִינֶעוֵוייניג. קֵיינֶער וִויל נִישְׁט גֵיין קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס מוּז זַיין אַז דָאס קוּמְט פוּן אַן אִינֶערְלִיכֶע אוּמְצוּפְרִידְנְהֵייט אָדֶער צֶעקְלַאפְּטְקֵייט.

אִיךְ וֵוייס פוּן מַעֲשִׂיּוֹת מִיט קִינְדֶער וָואס פְלֶעגְן נִישְׁט קוּמֶען אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל זֵיי זָאגְן מוּסָר, הָאט מֶען זֵיי קוֹדֶם גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער פְּרִיוַואט. מֶען הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דָאס קִינְד אוּן אִיר גֶעזָאגְט: **"דוּ בִּיסְט דָאךְ אַזַא עֶרְלִיךְ קִינְד"**, **"אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר"**, **"דוּ בִּיסְט אַזוֹי צְנִיעוּת'דִיג"**, **"דוּ בִּיסְט אַזַא וואוֹיל קִינְד"**. אוּן עֶס הָאט נִישְׁט לַאנְג גֶענוּמֶען בִּיז דִי קִינְדֶער הָאבְּן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְמַאכְן דֶעם הַאלְז, פַארְלֶענְגֶערְן דִי אַרְבְּל, אוּן בֶּעסֶער צוּדֶעקְן דִי קְנִיעֶן. עֶס הָאט זִיךְ

אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען פָּשׁוּט גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן, וַוייל אִין זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן הָאט מֶען זֵיי נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין אֵיין גוּט וָוארְט.

## וַוארֶעמֶע מְחַנְּכִים אַזוֹי וִוי עֶלְטֶערְן

אַ מְלַמֵּד אָדֶער אַ מַגִּיד שִׁיעוּר דַארְף זַיין וִוי אַ וַוארֶעמֶער טַאטֶע פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְף זַיין וִוי אַ וַוארֶעמֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

מֶען דַארְף גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער. אוֹיבּ אַ קִינְד קוּמְט מִיט נַייעֶ שִׁיךְ אָדֶער אַ נַייעֶ הֶעמְד, זָאל מֶען אִים זָאגְן: **"דַיינֶע נַייעֶ שִׁיךְ זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיין"**, אָדֶער **"דַיין נַייעֶ הֶעמְד אִיז זֵייעֶר שֵׁיין"**. אוֹיבּ מֶען הָאט אַ קִינְד אִין כִּתָּה וָואס קוּמְט קֵיינְמָאל נִישְׁט מִיט קַיין נַייעֶ וֶועשׁ, קֶען מֶען אִים זָאגְן: **"דוּ הָאסְט אַ נַייעֶ פְרִישֶׁע שְׁמֵייכְל!"** אָדֶער קֶען מֶען אִים אֲפִילוּ זָאגְן: **"וַואוּו, דוּ הָאסְט נַייעֶ שִׁיךְ?"** וֶוען דָאס קִינְד וֶועט עֶנְטְפֶערְן: **"נֵיין, עֶס אִיז נִישְׁט נַיי"**, זָאל מֶען אִים זָאגְן: **"עֶס זֶעט נָאךְ אוֹיס מַמָּשׁ וִוי נַיי"**.

## אַ קִינְדֶערִישֶׁע שְׁפִּיל מִיט אַ קֶענִיג

וֶוען אַ מְחַנֵּךְ הֶערְט אָדֶער זֶעט אַ מַעֲשֶׂה בַּיי אַ קִינְד, טָאר עֶר נִישְׁט גְלַייךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוּן בַּאשְׁטְרָאפְן דָאס קִינְד; מֶען דַארְף קוֹדֶם אוֹיסְהֶערְן דָאס קִינְד אוּן זֶען צִי עֶר הָאט טַאקֶע גֶעטוּן אַן עַוְלָה, אָדֶער צִי מֶען אִיז אִים סְתָּם חוֹשֵׁד.

מִיר וֶועלְן דֶערְצֵיילְן עֶטְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן פֶעלֶער וָואס הָאבְּן אוֹיפְן עֶרְשְׁטְן בְּלִיק אוֹיסְגֶעזֶען וִוי אַ גֶעפֶערְלִיכֶע חוּצְפָּה, אָבֶער צוּם סוֹף, נָאכְן אוֹיסְפְרֶעגְן דָאס קִינְד, הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס קִינְד אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג אוּן הָאט גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט גֶעטוּן.

אֵיין טָאג אִיז אַ מְלַמֵּד פוּן אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִין אָפִיס, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף אִים אַז עֶר אִיז שְׁטַארְק אָנְגֶעצוּנְדְן, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: **"וָואס גֵייט פָאר?"** הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט: **"אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה פוּן חוּצְפָּה. גֶעוֶוענְלִיךְ בִּין אִיךְ נִישְׁט אִין כִּתָּה בִּשְׁעַת הַפְסָקָה, אָבֶער הַיינְט אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַרַיינְצוּגֵיין פַאר אַפָּאר מִינוּט אִין כִּתָּה, אִינְמִיטְן אִיז אַ אִינְגְל אַרַיינְגֶעלָאפְן, אוּן זֶעעֶנְדִיג אַז אִיךְ בִּין דָא, הָאט עֶר זִיךְ הוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן: 'דֶער מְשׁוּגֶענֶער אִיז דָא!'"**

הֶערְנְדִיג זַיין מַעֲשֶׂה אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁלֶעכְט גֶעוָוארְן - אַזַא גֶעפֶערְלִיכֶע חוּצְפָּה! אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אִיךְ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טוּן קַיין שׁוּם שְׁרִיט אֵיידֶער אִיךְ פְרֶעג אוֹיס דֶעם קִינְד וָואס דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעוֶוען'. דֶערְפַאר, אוֹיפְן וֶועג פוּן מַיין אָפִיס בִּיזְן קִינְד, הָאבּ אִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז דָאךְ אַ גֶעפֶערְלִיכֶע זַאךְ אַז אַ אִינְגְל זָאל שְׁרַייעֶן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער אוֹיף זַיין מְלַמֵּד, אָבֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען קָאנְטְרָאלִירְן אוּן עֶס בַּאהַאנְדְלֶען רִיכְטִיג"**.

אִיךְ טְרֶעף דֶעם קִינְד אוּן אִיךְ פְרֶעג אִים: **"דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אוֹיף דַיין רֶבִּי 'דֶער מְשׁוּגֶענֶער אִיז דָא'?"** עֶנְטְפֶערְט דָאס קִינְד: **"אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט גֶעמֵיינְט וֶועגְן מַיין רֶבִּי. מִיר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן אַ שְׁפִּיל, אֵיין אִינְגְל אִיז גֶעוֶוען דֶער קֶענִיג אוּן אַ צְוֵייטֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס קוּמְט אַרַיין אִין פַּאלַאץ אוּן מַאכְט מְשׁוּגָע דֶעם קֶענִיג מִיט נַארִישֶׁע שְׁאֵלוֹת. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה וִוי דֶער אִינְגְל קוּמְט שׁוֹין אַרַיין מְשׁוּגָע מַאכְן דֶעם קֶענִיג, בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעלָאפְן זָאגְן אַז 'דֶער מְשׁוּגֶענֶער אִיז דָא'"**.

גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען אִיךְ הַאלְט פָאר אַ קִינְד וֶוערְט עֶר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, טְרַאכְטְנְדִיג אַז אֶפְשָׁר וֶועט אִים דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ - וַוייל פַאר חוּצְפָּה גֶעבְּט מֶען אַמָאל אַ פַּאטְשׁ (אָבֶער נָאר אֵיין פַּאטְשׁ, אָן כַּעַס, אוּן נִישְׁט דוּרְךְ דֶעם מְלַמֵּד, נָאר דוּרְךְ אַ דְרוֹיסְנְדִיגְן מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט יֶעצְט אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין דִי מַעֲשֶׂה), אוּן אַמָאל הֵייבְּט דָאס קִינְד אֲפִילוּ אָן צוּ וֵויינֶען. דָא אָבֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דָאס קִינְד וֶוערְט בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט מִיר זֵייעֶר רוּאִיג, הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר זָאגְט מִיר דֶעם אֱמֶת, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ט:): **"נִכָּרִים דִּבְרֵי אֱמֶת"** - מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר זָאגְט דֶעם אֱמֶת.

אוֹיבּ אִיךְ וָואלְט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט אוּן אוֹיסְגֶעהֶערְט דָאס קִינְד, וָואלְט אִיךְ אִים זִיכֶער גֶעגֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ פַארְן רֶעדְן מִיט אַזַא חוּצְפָּה פָארְנְט פוּן אַ מְלַמֵּד, בִּשְׁעַת וָואס דָא אִיז בֶּאֱמֶת קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין חוּצְפָּה.

## נִישְׁט קַיין חוּצְפָּה, נָאר אוּמְוִויסְנְד

נָאךְ אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז, אִין 'יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה'. אַ מַגִּיד שִׁיעוּר הָאט פָארְגֶעלֶערְנְט פַאר דִי בָּחוּרִים שֻׁלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת שַׁבָּת, הִלְכוֹת מֻקְצֶה. עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז עֶס זֶענֶען דָא פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן מֻקְצֶה: עֶס אִיז דָא אַ 'כְּלִי שֶׁמְּלַאכְתּוֹ לְאִסּוּר', וִוי לְמָשָׁל אַ הַאמֶער, אַ פֶעדֶער, אָדֶער אַ שֶׁערְל, וָואס זֵייעֶר הוֹיפְּט בַּאנוּץ אִיז פַאר אַן אָסוּר'דִיגֶע מְלָאכָה. עֶס אִיז דָא אַ 'מֻקְצֶה מֵחֲמַת גּוּפוֹ', וִוי שְׁטֵיינֶער, זַאמְד, אָדֶער צְוַוייגְן, וָואס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין כֵּלִים אוּן זֶענֶען נִישְׁט רָאוּי פַאר קַיין שׁוּם בַּאנוּץ אוּם שַׁבָּת. עֶס אִיז דָא אַ 'מֻקְצֶה מֵחֲמַת מִצְוָה', דָאס מֵיינְט אַ זַאךְ וָואס אִיז בַּאשְׁטִימְט גֶעוָוארְן פַאר אַ מִצְוָה אוֹיף גַאנְץ שַׁבָּת, וִוי נוֹי סוּכָּה, דֶער סְכַךְ אָדֶער דִי וֶוענְט פוּן אַ סוּכָּה.

דֶערְנָאךְ אִיז דָא אַ 'מֻקְצֶה מֵחֲמַת מִיאוּס', דָאס מֵיינְט אַ זַאךְ וָואס אִיז שְׁמוּצִיג. אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶענִיצְט דֶער בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ 'גְרַף שֶׁל רְעִי', דָאס מֵיינְט אַ כֵּלִי וָואס מֶען פְלֶעגְט אִין דִי אַמָאלִיגֶע צַייטְן נִיצְן פַאר אַ בֵּית הַכִּסֵּא. וַוייבַּאלְד עֶס אִיז שְׁמוּצִיג טָאר מֶען עֶס נִישְׁט רוּקְן אוּם שַׁבָּת, אוֹיסֶער אוֹיבּ עֶס לִיגְט אִין אַ פְלַאץ וואוּ מֶען וֶוערְט דֶערְפוּן פַארְ'מִיאוּסְ'ט - דַאן מֶעג מֶען עֶס אַרוֹיסְטְרָאגְן אִין מִיסְט.

וֶוען דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען דִי הֲלָכָה, הָאט עֶר אֵיין מָאל מַסְבִּיר גֶעוֶוען דֶעם מְצִיאוּת פוּן אַ 'גְרַף שֶׁל רְעִי', אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין בְּלוֹיז בַּאנִיצְט מִיטְן וָוארְט 'גְרַף' אָן אוֹיסְפִירְן דִי וֶוערְטֶער 'שֶׁל רְעִי'.

אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען שְׁפֶּעט אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען, וֶוען דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר הָאט דֶערְמַאנְט דִי הֲלָכוֹת וֶועגְן דֶעם 'גְרַף'. דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט דִי אַלֶע שִׁיטוֹת פוּן דִי פּוֹסְקִים, פוּנֶעם טוּר, בֵּית יוֹסֵף אוּן דֶעם בַּ"ח. הָאט זִיךְ דֶער בָּחוּר אָנְגֶערוּפְן: **"דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר רֶעדְט פוּן אַ 'גְרַף', פוּן וֶועלְכֶע גְרַאף רֶעדְט מֶען דָא? פוּן גְרַאף פַּאטָאצְקִי אָדֶער פוּן אַן אַנְדֶערְן גְרַאף? אוּן וָואס אִיז דִי שִׁיטָה פוּנֶעם גְרַאף?"**

דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר אִיז שׁוֹין פוּן פְרִיעֶר גֶעוֶוען אַבִּיסְל אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיפְן בָּחוּר פַארְן קוּמֶען שְׁפֶּעט צוּם שִׁיעוּר, אוּן יֶעצְט זֶעט עֶר וִוי דֶער בָּחוּר זוּכְט נָאךְ צוּ שְׁטֶערְן אוּן חוֹזֵק מַאכְן פוּנֶעם שִׁיעוּר, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר בֵּייז אוֹיפְן בָּחוּר אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים: **"דוּ בִּיסְט דָא גֶעקוּמֶען שְׁטֶערְן? קוֹדֶם קוּמְסְטוּ שְׁפֶּעט, אוּן נָאכְדֶעם מַאכְסְטוּ נָאךְ לֵיצָנוּת מִיט גְרַאף פַּאטָאצְקִי?**

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**גֵיי אַרוֹיס פוּן דָא!"**

אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר אִיז דָאךְ אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד וָואס אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין גַאנְצֶע טָאג, הָאט עֶר זִיךְ שְׁפֶּעטֶער גֶעכַאפְּט אַז אֶפְשָׁר הָאט עֶר אוּמְזִיסְט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיפְן בָּחוּר; אֶפְשָׁר הָאט עֶר טַאקֶע נִישְׁט גֶעווֶאוּסְט וָואס דָאס וָוארְט 'גְרַף' מֵיינְט. הָאט עֶר מִיךְ אָנְגֶערוּפְן פְרֶעגְן צִי עֶר דַארְף אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם בָּחוּר, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"אַוַודַאי דַארְפְסְטוּ אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן"**. דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם בָּחוּר אוּן גֶעמַאכְט אַ שְׁמוּעֶס מִיט אִים, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר הָאט טַאקֶע נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּנֶעם מֻשָּׂג פוּן אַ 'גְרַף שֶׁל רְעִי', אוּן עֶר הָאט בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעמֵיינְט קַיין חוּצְפָּה.

מֶען זֶעט פוּן דֶעם נָאכְאַמָאל, אַז מֶען מוּז אוֹיסְהֶערְן אַ קִינְד אֵיידֶער מֶען נֶעמְט אַ שְׁרִיט אִים צוּ פַארְשֶׁעמֶען אָדֶער שְׁטְרָאפְן, וַוייל נָאכְן פְרֶעגְן קֶען זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן אַז דָאס קִינְד אִיז אִינְגַאנְצְן רֵיין פוּן שׁוּלְד.

### שׁוֹין וַוייטֶער מִיטְן צֶעטְל...

אַ דְרִיטֶע מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז, אִין 'בֵּית פֵּיגָא' שׁוּלֶע. עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין אַ כִּתָּה אַ קִינְד וָואס יֶעדְן טָאג פַארְן דַאוֶונֶען הָאט זִי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִיר הַאנְט אוּן גֶעבֶּעטְן רְשׁוּת אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן אַ פְּרִיוַואטֶע צֶעטְל פַאר דִי לֶערֶערִין. דִי לֶערֶערִין עֶפְנְט אוֹיף דֶעם צֶעטְל אוּן עֶס שְׁטֵייט דֶערִין: **"אִיךְ וִויל זַיין דִי חַזָּן"**; אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶּר'ט עֶטְלִיכֶע טֶעג נָאכְאַנַאנְד. דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג הָאט אִיר דִי לֶערֶערִין נָאכְגֶעגֶעבְּן אוּן אִיר גֶעשְׁטֶעלְט אַלְס חַזָּן, אָבֶּער דִי אִיבְּרִיגֶע טֶעג נִישְׁט, וַוייל זִי אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין בַּת יְחִידָה אִין כִּתָּה; עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא נָאךְ קִינְדֶער וָואס ווִילְן אוֹיךְ זַיין חַזָּן.

אֵיין טָאג הָאט דִי לֶערֶערִין בַּאשְׁלָאסְן: גֶענוּג אִיז גֶענוּג! הַאלְט דִיךְ מִיט דַיין צֶעטְל, מֶען קֶען נִישְׁט יֶעדְן טָאג בְּרֶענְגֶען דֶעם זֶעלְבְּן צֶעטְל נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. אָבֶּער גְלַייךְ נָאכְדֶעם הָאט זִי זִיךְ גֶעכַאפְּט: 'פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ לֶערֶערִין? נִישְׁט כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען כָּבוֹד פוּן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי וַוייזְן אַז **"אִיךְ"** בִּין דָא דִי בַּעַל הַבַּיִת אוּן אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן **"לֵייג יֶעצְט אַרָאפּ דַיין הַאנְט"**; אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעקוּמֶען אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער'. דֶערְפַאר הָאט זִי נָאכְאַמָאל גֶעהַאט גֶעדוּלְד צוּם קִינְד אוּן גֶעזָאגְט: **"לָאמִיר זֶען דַיין צֶעטְל"**, אוּן פִּינְקְט יֶענֶעם טָאג אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, אַז זִי מוּז גֵיין עֶרְגֶעץ נֶעמֶען זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע מֶעדֶעצִין.

עֶס הָאט גֶעפֶעלְט אַ הָאר אַז דִי לֶערֶערִין זָאל גוּט פַארְשֶׁעמֶען דָאס קִינְד אוּן אִיר זָאגְן: **"הֶער שׁוֹין אוֹיף מִיט דַיינֶע צֶעטְלֶעךְ; קְנֵייטְשׁ אַיין דַיין צֶעטְל אוּן שְׁלִינְג עֶס אַרָאפּ... מֶען קֶען נִישְׁט יֶעדְן טָאג בְּרֶענְגֶען אַ צֶעטְל"**. אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז פִּינְקְט יֶענֶעם טָאג אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען עֶפֶּעס וָואס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען זֵייעֶר ווִיכְטִיג.

מֶען זֶעט פוּן דֶעם ווִי ווִיכְטִיג עֶס אִיז צוּ הָאבְּן גֶעדוּלְד אוֹיסְצוּהֶערְן אַ קִינְד, אוּן זִיךְ ווִיסְנְדִיג מַאכְן וֶוען אַ קִינְד הֵייבְּט אוֹיף דִי הַאנְט אוּן ווִיל עֶפֶּעס זָאגְן אָדֶער בְּרֶענְגְט אַ צֶעטְל.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי הַאנְט, אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרַייעֶן אוּן פַארְפִירְן, נָאר מֶען דַארְף עֶס הַאלְטְן אֵיידְל; אוּן אוֹיבּ מֶען הֵייסְט אַרָאפְּלֵייגְן דִי הַאנְט, דַארְף מֶען פָאלְגְן. דָאךְ אִיז שְׁטֶענְדִיג כְּדַאי זִיךְ ווִיסְנְדִיג צוּ מַאכְן וֶוען אַ קִינְד הַאלְט דִי הַאנְט אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס עֶר ווִיל זָאגְן, וַוייל אַסַאךְ מָאל אִיז עֶס טַאקֶע אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ.

בִּזְכוּת דֶעם וָואס אִיר וֶועט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן וַוארֶעם מִיט דִי קִינְדֶער אוּן אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶר צַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה, וֶועט אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

## בִּרְיוֹן פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### שִׁיקְן אַ קִינְד קַיין אוּמַאן, אֲפִילוּ עֶר וֶועט פַארְפֶעלְן פוּן חֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן אִידִישְׁקֵייט וָואס אִיר בְּרֶענְגְט אַרַיין צוּ אוּנְז אַהֵיים.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס הָאט פְּשַׁט אִיךְ זָאל שִׁיקְן מַיין 10 יֶערִיג אִינְגְל מִיט מַיין מַאן קַיין אוּמַאן דָאס יָאר. מַיין מַאן הָאט נֶעכְטְן בַּאשְׁטֶעלְט טִיקֶעטְס קַיין אוּמַאן, אוּן דָאס יָאר דַארְף מֶען פָארְן אַבִּיסְל לֶענְגֶער ווִי יֶעדֶעס יָאר, אוּן עֶס וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז לְכָבוֹד דֶעם וֶועט עֶר פַארְפַאסְן 7 טֶעג פוּן חֵדֶר.

אוּנְזֶער אִינְגְל ווֵייסְט אַז מִיר שְׁטֵייעֶן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם עֶר זָאל נִישְׁט פַארְפַאסְן קַיין אֵיין טָאג אִין חֵדֶר, אֲפִילוּ וֶוען מִיר הָאבְּן אַ נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה חֲתוּנָה וָואס עֶנְדִיגְט זִיךְ שְׁפֶּעט, וֶועט עֶר אוֹיךְ זַיין אִין חֵדֶר אִין צַייט, אוּן יֶעצְט הַאלְט מֶען אִין אָנְהוֹיבּ פוּן דִי נֵייעֶ לֶערְן יָאר, אוּן שׁוֹין וֶועט עֶר פַארְפַאסְן 7 טֶעג פוּן חֵדֶר.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן? זָאל אִיךְ אִים לָאזְן גֵיין קַיין אוּמַאן, אָדֶער זָאל עֶר בְּלַייבְּן דָא אוּן גֵיין גֶעהֶערִיג אִין חֵדֶר, אוּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועל אִיךְ הָאבְּן אֵיינֶעם וָואס וֶועט אִים נֶעמֶען אִין שׁוּל צוּ דַאוֶונֶען.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

אַוַודַאי זָאלְט אִיר מִיט שִׁיקְן אַייעֶר זוּן נֵרוֹ יָאִיר מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר קַיין אוּמַאן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אֲפִילוּ עֶר וֶועט דַארְפְן מְבַטֵּל זַיין פוּן לֶערְנֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר מֶען זָאל אַזוֹי טוּן. "טוֹב לְבַלּוֹת זְמַן רַב", עֶס אִיז גוּט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט, "בִּשְׁבִיל שָׁעָה אַחַת, שֶׁיִּתְקָרֵב לַצַּדִּיק", פַאר אֵיין שָׁעָה זַיין בַּיים צַדִּיק (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן נה); בִּפְרַט צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִיז קַיין שׁוּם פְרַאגֶע נִישְׁט; אַוַודַאי זָאלְט אִיר אִים שִׁיקְן.

בַּיים רֶבִּי'ן וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בַּיים רֶבִּי'ן וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ דִינֶען דֶעם הֵיילִיגְן בּוֹרֵא. פַארְן צוּם צַדִּיק אִיז נִישְׁט קַיין בִּיטּוּל

תּוֹרָה, עֶס אִיז קִיוּם הַתּוֹרָה, בִּבְחִינַת (מְנָחוֹת צט:): "פְּעָמִים שֶׁבִּטּוּלָהּ שֶׁל תּוֹרָה זֶהוּ קִיּוּמָהּ".

אוֹיךְ וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אוּן צוּ תּוֹרָה לִשְׁמָהּ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לִימּוּד, סִימָן סא): "מִי שֶׁאֵין לוֹ הֲבָנָה בְּלִמּוּדוֹ", וֶוער עֶס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, "יִשְׁבֹּת אֵצֶל צַדִּיק", זָאל פָארְן צוּם צַדִּיק, זַיין בַּיי אִים פַאר שַׁבָּת; "גַּם עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה", אוֹיךְ וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין, "לִלְמֹד תּוֹרָה לִשְׁמָהּ", צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת שופטים, שנת תשפ"ב)

## נֶעמֶען אַ יוּנְג קִינְד קַיין אוּמַאן, כָאטְשׁ עֶר קֶען נִישְׁט זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כֹּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גוּטֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס אִיז מַמָשׁ אַ מְחַיֶ'.

אַזוֹי וִוי עֶס הֶערְשְׁט יֶעצְט דִי מִלְחָמָה אִין אוּקְרֵיינֶע, ווִיל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ נֶעמֶען מַיין אִינְגֶל קַיין אוּמַאן, אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי אִים יֶעצְט צוּ נֶעמֶען אַהִין פַאר דִי זִיבְּן יָאר, אֲפִילוּ עֶר אִיז נָאךְ הִיבְּשׁ יוּנְגֶער אוּן עֶר קֶען נָאכְנִישְׁט זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אִיךְ וֵוייס דָאךְ נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער, אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין שַׁיָיךְ צוּ פָארְן, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ וַוארְטְן בִּיז וֶוען עֶר וֶועט שׁוֹין וֶוערְן אַבִּיסְל עֶלְטֶער אוּן יָא קֶענֶען זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעמֶען אַ קִינְד קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן פַאר דִי זִיבְּן יָאר - הָאט נִישְׁט צוּטוּן אוֹיבּ דֶער קִינְד וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דָאס בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אֵיידֶער דִי זִיבְּן יָאר - דָאס אַלֵיינְס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיז): "אֲנִי בָּטוּחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁכָּל תִּינוֹק שֶׁיָּבוֹא לְפָנַי קוֹדֶם שֶׁיַּגִּיעַ לְבֶן שֶׁבַע שָׁנִים, בְּוַדַּאי יִהְיֶה נָקִי מִן הַחֵטְא עַד יוֹם חֲתֻנָּתוֹ", אִיךְ זָאג צוּ פַאר יֶעדְן קִינְד וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר פַאר דִי זִיבְּן יָאר אַז עֶר וֶועט גֵיין צוּ זַיין חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶע הֶעמְד; דָאס הָאט נִישְׁט מִיט זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס בְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער אֵיידֶער דִי זִיבְּן יָאר, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הַבְטָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת וארא, שנת תשפ"ג)

## נֶעמֶען אַ קִינְד קַיין אוּמַאן פַאר דִי זִיבְּן יָאר, אִין דֶעם מַצָּב מִלְחָמָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט אוּנְז, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי מַיין זוּן וֶוערְט דֶעם קוּמֶענְדִיגְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זִיבְּן יָאר, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג יֶעצְט פָארְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִים נֶעמֶען קַיין אוּמַאן פַאר דִי זִיבְּן יָאר, אָדֶער עֶס אִיז צוּ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט צוּלִיבּ דִי מִלְחָמָה דָארְט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ט סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזוֹי וִוי דִי מַצָּב הַמִּלְחָמָה אִיז יֶעצְט - אִיז נִישְׁט קַיין סַכָּנָה צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן. מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אוּן מִיט אַסַאךְ תְּפִילּוֹת - וֶועלְן מִיר פָארְן דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, אוֹיךְ נֶעמֶען מִיר דִי קִינְדֶער; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָארְן גֶעזוּנְט, צוּרִיק קוּמֶען גֶעזוּנְט אוּן פּוֹעֵלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ בְּרֶענְגֶען קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אַ קִינְד פַאר דִי זִיבְּן וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶועְן אַז אַ קִינְד וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים פַאר דִי זִיבְּן יָאר - וֶועט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ רֵיינֶע הֶעמְד (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקיז).

עֶלְטֶערְן וָואס הֶערְן דִי וֶוערְטֶער פוּן אַ צַדִּיק - וֶועלְן אַלֶעס טוּן אַז זֵייעֶרע קִינְדֶער, דִי זִין - זָאלְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אֵיידֶער דִי זִיבְּן יָאר, פַאר אַזַא הַבְטָחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת שלח, שנת תשפ"ג)


חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

אויף קול ברסלב

דרוקט: 1-2-4-2

- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
212-444-9169 / 845-351-9060
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876